"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

**'תכלית הבריאה'**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר י"ט**

חודש תמוז שנת תשפ"ג לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור

הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©

כל הזכיות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


"בְּגִין דְּיִשְׁתְּמוֹדְעִין לֵהּ" ...... א
נעבעך פארקאַלכט... ...... ג
געקענט זיין דער גרעסטער טיאַטער שפילער ...... ד
געכאפט אויף צו שחט'ן ...... ו
גרעסער ווי תנאים ואמוראים ...... ח
נישט געוועזן ווער עס זאל אנצינדן דעם גיהנום... ...... י
דו ביסט ערלויבט צו דעם גרעסטן דאווענען! ...... יג
"לִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו" ...... טו
נישטא קיין סטרא אחרא! ...... טז
ער האט געמיינט אז ער זיצט... ...... יח
א שליח פון דעם אויבערשטן ...... כ
מען קען נישט מקטרג זיין ...... כב
מען וואלט געטאנצן אין דער לופטן ...... כג
"אֵין גִּבּוֹר כְּמִתְיָאֵשׁ!" ...... כד

# מאמר י"ט

## תכלית הבריאה

### "בְּגִין דְּיִשְׁתְּמוֹדְעִין לֵהּ"

אין ליקוטי מוהר"ן סימן ל"ז הויבט אָן דער רבי, ער ברענגט אראפ דעם זוהר[א], אז דער תכלית הבריאה איז: **"בְּגִין דְּיִשְׁתְּמוֹדְעִין לֵהּ"**, פשוט, מען זאל וויסן פון השם יתברך.

דער פראָנט (פון דער מלחמה) אויף דער וועלט ארבעט אזוי שטארק מיט אזא טומל, ממש, וויאזוי זאגט דער מסילת ישרים[ב]: **"עַד שֶׁנִּמְצֵאת הַמִּלְחָמָה אֵלָיו פָּנִים וְאָחוֹר!"** דאס קומט צו זאגן, ימין ושמאל, מעלה ומטה - ממש עס איז א געוואלדיגער טומל.

דער גרעסטער טעות וואס מען האט איז, אז מען פארגעסט דעם א' - אז דער עיקר הבריאה איז 'בגין דישתמודעין ליה', אז מען זאל וויסן פון בורא עולם.

מען דארף דאס אלעמאל אנהויבן איבער א נייעס (צו חזר'ן), ווייל ברבות הדרך קען מען ממש פארגעסן פון וואנעט מען איז געקומען,

---

**א.** פר' בא דף מב ע"ב.

**ב.** פרק א', וזל"ש: ונמצא שהוא מושם באמת בתוך המלחמה החזקה. כי כל עניני העולם, בין לטוב בין לרע, הנה הם נסיונות לאדם, העוני מצד אחד והעושר מצד אחד, כענין שאמר שלמה (משלי ל' ט'), "פן אשבע וכחשתי ואמרתי מי ה', ופן אורש וגנבתי" וגו', השלוה מצד אחד והיסורין מצד אחד. **עד שנמצאת המלחמה אליו פנים ואחור**. ואם יהיה לבן חיל וינצח המלחמה מכל הצדדין, הוא יהיה האדם השלם אשר יזכה לדבק בבוראו ויצא מן הפרוזדור הזה ויכנס בטרקלין לאור באור החיים, וכפי השיעור אשר כבש את יצרו ותאוותיו ונתרחק מן המרחיקים אותו מהטוב ונשתדל לדבק בו - כן ישיגהו וישמח בו.

מען פארגעסט וואס מען דארף טון, מען פארגעסט צו וואס מען דארף צוקומען, און אינמיטן... - דער אויבערשטער זאל אפהיטן וואס קען פאסירן.

דער רבי זאגט טאקע דארטן[ג], דאס איז אַן 'אדם'. אַן אדם איז א חומר מיט א צורה; מען דארף ניצן דעם חומר 'למען הצורה', נישט ניצן דעם צורה 'למען החומר' חס ושלום.

אויך זאגט דער רבי דארטן אין דער תורה, די תורה איז 'אור'. אז מען לערנט תורה, לערנט מען דעם בורא עולם, מען געפינט זיך ביים בורא עולם - **"שֶׁהַתּוֹרָה כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא"**[ד].

עס איז א זמן וואס מען דארף שטיין זייער שטארק דערויף, מען דארף דאס וויסן, עס איז א בחינה וואס 'כביכול' בעט זיך דאס ברחמים ביי אונז; וויבאלד דער גאנצער תיקון העולם איז תלוי אין אונז - נישט אין קיין אנדערן און נישט אין קיין אנדערע זאך, נאר אין אונז מיט דער תורה הקדושה - אין אונז ממש!

דער פסוק **"לִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו"**[ה] גייט אויף כלל ישראל!; "בראתיו" - די בריאה, "יצרתיו" - די יצירה, "עשיתיו" - מיט דער 'עשיה', דאס איז אלץ "לכבודי" - צו ממשיך זיין אַן אור פון אצילות וואס דאס איז 'לכבודו' - און מיט דעם פאררעכטן מיר דער וועלט!

מיר זענען דאס, מיר זענען דאס, מיר זענען די אחראים אויף דעם ממש!

---

**ג.** שם בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ז, אות ב', וז"ל (ע"פ קיצור ליקו"מ): והגוף לגבי הנפש הוא בחינת חומר ובהמה וסכלות וחושך בחינת מיתה ושכחה בחינת חכמות חיצוניות - כנגד חכמות התורה, שהם בחינת אדם כמו שכתוב: "זאת התורה אדם" (במדבר י"ט יד), בחינת צורה בחינת אור וחכמה וזכרון וחיים. וצריך כל אדם להכניע החומר, היינו בחינת מיתה בחינת סכלות של הגוף שהם התאוות, דהיינו להפריש את עצמו מכל התאוות.

**ד.** זוהר ח"ג, דף רחצ ע"ב.

**ה.** ישעי' מג, ז.

## נעבעך פארקאַלכט...

דער רבי זאגט[ו], עס איז דא 'שכחה' - מען פארגעסט, מען פארגעסט. אז מען ווייסט דאס און מען טוט עפעס 'למען זה', הערט מען אויף (צו פארגעסן דעם תכלית).

עס איז א ביטערע מצב אז מען פארגעסט; אז א מענטש פארט אויף א ווייטע לאנד און ער ווערט פאַרקאַלכט דארטן און ער ווייסט נישט פון וואנעט ער איז געקומען, ער ווייסט נישט פון וואנעט ער גייט, ער ווייסט נישט צו ער ווייסט, ער ווייסט גארנישט, איז ער אַן אומגליקליכער מענטש.

נישט אומזינסט שטייט[ז], אז א מענטש ווערט נסתלק פרעגט מען אים ווי אזוי ער הייסט און אויב ער האט זיך נישט געפירט וויאזוי ער דארף זיך פירן לויט וויאזוי זיין נאמען איז, 'בגין דישתמודעין ליה', פארגעסט ער זיין נאמען. פשט איז, ער איז געווארן פאַרקאַלכט אויף דער וועלט, דערפאר פארגעסט ער זיין נאמען[ח].

---

**ו.** שם בליקוטי מוהר"ן. גם עיין בסי' נ"ד, אות א': כי צריכין לשמור מאד את הזכרון, שלא יפול לשכחה, בחינת מיתת הלב. ועיקר הזכרון הוא לזכור תמיד בעלמא דאתי, שלא יהיה בדעתו, חס ושלום, שאין עולם אלא אחד. ועל ידי מה שמדבק מחשבתו בעלמא דאתי, על ידי זה נעשה יחוד ה' אלקי הנ"ל.

**ז.** ראשית חכמה שער היראה פרק י"ב.

**ח.** עיין ליקוטי הלכות הל' דברים הנוהגים בסעודה ה"ד, אות ו', וז"ל: ועיקר הדין והמשפט שדנין את האדם בראש השנה וביום הדין הגדול. העיקר הוא שמסתכלין בשמו ששם חקוקים ונכתבים כל מעשי האדם. **ועל כן שואלין את האדם אחר מיתתו אם זוכר את שמו** כי בהשם של כל האדם נחקק ונכתב כל מעשיו, כי השם הוא הנפש כמו שכתוב, 'נפש חיה הוא שמו'. ושם בהנפש שהוא שמו שם מגיע כל הפגם או התיקון של כל מעשי האדם לטוב או להיפך חס ושלום, **כי בהשם של כל אדם נגבל כל חיותו וכל ענינו ומהותו.** וכפי מעשיו כן מאיר שמו למעלה. וכן נזכר למעלה לטובה. וכן להיפך חס ושלום. גם עיין שם בהל' שבועות ה"ב אות כ"ו, וז"ל: כל עבודת האדם הוא להשלים שמו שהוא נפשו וחיותו שיוכל להכלל בשמו יתברך שיתגדל ויתקדש שם כבודו יתברך על ידו. **ועל כן תחילת השאלה ששואלין את האדם לאחר מותו כשמביאין אותו לדין הוא אם זוכר שמו, כמובא בכל**

אויב ער האט אבער טאקע געטון 'לענין' - יעדער איינער האט דאך געוויסע כוחות הנפש מיט וואס ער דארף מיט דעם ממליך זיין דעם אויבערשטן, יעדער איינער האט 'זיין' יצר הרע און 'זיין' יצר טוב מיט וואס ער דארף אויספירן, פון וואס עס דארף ארויסקומען פון דעם די ריכטיגע המלָכה פאר השי"ת - מיט 'זיין' סור מרע און מיט 'זיין' עשה טוב - ווערט א באזונדערן תיקון אין אלע עולמות דורך דעם מענטשן!

אויב ער האט עס אבער נישט געטון, פארגעסט ער זיין נאמען, איז ער פארקאַלכט - עס איז איום ונורא אז מען פארגעסט דעם נאמען.

## געקענט זיין דער גרעסטער טיאַטער שפילער

אין יעדן איינעמ'ס נאמען ליגט וויאזוי ער דארף זיך פירן, און אז נישט (- אז ער פירט זיך נישט ערליך) באקומט ער א נאמען דסטרא אחרא.

עס ווערט געברא‏כט[ט], דוד המלך'ס נאמען פון דער סטרא אחרא איז געווען "פלשתי". ווייל די פלשתים זענען לצים, און דוד המלך איז געווען דער 'בדחנא דמלכא'[י], ער האט פרייליך געמאכט די פמליא של מעלה מיט זיינע עבודות, ווען נישט דעם וואלט ער

---

**הספרים**, כי בזה כלול הכל כל מה שעשה כל ימי חייו, שכמו כן משלים שמו כנ"ל, וכמו כן זוכה לזכרו לאחר מיתתו. גם עיין הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד, אות י"ד, וז"ל: **וזה בחינת מה שהמת שוכח את שמו כשאינו איש כשר באמת.** כי עיקר הוא השם ששרשו שם ה'. וצריך להזכיר את עצמו בכל פעם ששם ישראל נקרא עליו והשם יתברך יש לו ממנו התפארות פרטי, אף אם הוא כמו שהוא. ומי שמזכיר את עצמו בזה בכל פעם בקל יוכל לשוב להשם יתברך, כי אין הטוב שוכח מעלתו לגמרי, מאחר שזוכר עדיין ששמו ישראל אשר כל העולמות לא נבראו רק בשבילנו וכו'.

**ט.** ביאור הגר"א על תיקו"ז תיקון י"א, מתיקונים אחרונים.

**י.** עיין זוהר תרומה דף קז ע"א.

געווען דער גרעסטער טיאַטער שפילער אין דער וועלט, ער וואלט חרוב געמאכט די בריאה - ממש אזוי, ווייל ער איז געווען - אדער א לץ, אדער דער 'בדחנא דמלכא' - מאכן פרייליך דעם אויבערשטן, לויבן, ליב האבן, ממליך זיין דעם אויבערשטן, ממש א געוואלדיגע שמחה געמאכט.

עס שטייט[יא], ער איז געווען מרומז אין 'מלכות', און אז ער האט געזעהן דעם ארון איז געווארן אזא מין קשר פון 'מלכות' מיט 'תפארת' אז ער האט אנגעהויבן צו טאנצן מיט אזא מין שמחה און "מפזז ומכרכר"[יב] געווען - אז אלע עולמות זענען געווארן פרייליך פון דעם! ער האט געטאנצן - אויפן קאפ האט ער געטאנצן... ער איז געווען א שפילער, איז ער געווארן בדחנא דמלכא.

אזוי איז יעדער איינער! **יעדער איינער!**

עס שטייט, אדם הראשון'ס נאמען איז געווען, אדער 'אדם' – "אֲדַמֶּה לעליון"[יג], אדער 'נחש' - אזוי שטייט אין פירוש הגר"א אויף תיקוני זוהר[יד]. איז פשט, ער וואלט געקענט זיין א נחש, און ער האט געקענט זיין אַן אדם. א נחש איז אַן אכזר, א נחש איז היפך פון אדם. [טאקע אין דער תורה[טו] שטייט: 'צדקה' איז 'אדם' – ליב האבן צו משפיע זיין למען שמו יתברך דאס איז 'אדם'!].

א מענטש וואס ווייסט פון דעם אויבערשטן און ער טוט זיינע יארן פארן אויבערשטן, ממש דארטן איז ער אייביג, ער איז חיים, חיים, ער לעבט העכער, ער ווערט א מרכבה לקדושה. און אויב פארקערט, אז ער ליגט נאר אין 'חומר' - אז די גאנצע נשמה

**יא.** עמק המלך הקדמה ג' פרק ז'.

**יב.** שמואל-ב ו', טז.

**יג.** ישעי' יד, יד.

**יד.** עיין הערה ט'.

**טו.** שם בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ז, אות ג'.

הקדושה זיינער זאל באדינען דעם חומר, ווערט ער טאקע 'חמור רוכב על האדם' רחמנא ליצלן.

מען דארף האבן שטארק אט די ידיעה, און מען דארף דאס טאקע איינקויפן ביים דאווענען און ביים לערנען - וואס מען טוט זאל זיין למען '**יהא שמיה רבא מברך**'.

דאס איז אַן אנדער לעבן, אט דאס איז אַן אדם, אז נישט איז מען ממש א בעל חי, ממש א בעל חי!

### געכאפט אויף צו שחט'ן

רבי נתן רעדט אסאך וועגן 'קימת חצות'[טז]. למעשה, אז מען זאל זיין א ידיד פארן אויבערשטן וואלט מען ביי חצות ממש געשריגן צום רבונו של עולם: '**האב רחמנות אויף דיר, האב רחמנות אויף דיר!**' - עס איז אראפ אזא טומאה אויף דער וועלט, אזא פגם הברית אויף דער וועלט, מענטשן ווערן גע'הרג'עט רחמנא ליצלן, זיי וועלן קיינמאל נישט קענען ארויסקריכן...

[דער רבי ברענגט אראפ אין תורה מ"ח, עס איז דא א סוכה דקדושה - "**שסכתה** ברוח הקודש"[יז], און עס איז דא סוכה דסטרא אחרא מיט מלאכי חבלה, וואס מען ווערט פארבונדן, מען ווערט נעקר, מיתה ממש!].

---

**טז.** עיין באוסף מכתבים (חלק ג' מכתב קס"א) וז"ל מורינו שליט"א: מוהרנ"ת אומר, שכל ענין מעלת חצות הוא, להתגבר בתוך החושך הגדול שעד אין קץ, ובזה תלוי כל היהדות. וא"כ מובן מה שכתוב בזוהר שדוד היתה לו מסירת נפש על חצות, מכיון שידע שכל מלכותו תלויה בזה, כי מלכותו הלא היתה המלכות דקדושה, לכן ידע שזה הסוד של מלכות דקדושה – להתגבר בעת תכלית החושך וההסתרה שעד אין קץ.

**יז.** מגילה יד ע"א.

דער רבי רופט עס אָן[יח] 'אבי אבות הטומאה'! פגם הברית איז דער 'אבי אבות הטומאה' רחמנא ליצלן, א פלא וואספארא מין טמטום הלב דאס איז.

שטעלט זיך פאר, א מענטש וואס זיין אייגענעם קינד דריידט זיך אויף א דאך וואס האט נישט קיין מעקה - און ער שפילט זיך און ער טאנצט, איינס-צוויי - רחמנא ליצלן... - ער וואלט נישט געקענט שלאפן אפילו, אזוי איז דאך - רחמנא ליצלן, אזוי ווי ער זאגט[יט]: **"וְכַצִּפֳּרִים הָאֲחֻזוֹת בַּפָּח כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי הָאָדָם"** - געכאפט אויף צו שחט'ן - פשוטו כמשמעו, עס וואלגערן זיך ערשט אין די גאסן אזעלכעס. און מיר האבן, ברוך השם, קינדער און אייניקלעך; בעט דעם אויבערשטן: 'ראטעווע, ראטעווע דער מצב!'

איך טראכט ממש, רבי נתן וואלט ווען (געשריגן) ביי דער גאנצער חצות נאר פאר דעם, נאר פאר דעם, נאר פאר דעם - **"עשה למען שמך!" "עשה למען שמך!" עשה למען שמך!"**

מען איז שוין אליין פאר'סמ'ט רחמנא ליצלן, די לופט איז פאר'סמ'ט! מען דארף זעהן, מיר זענען אידן, די גאנצע זאך פון רבי'ן איז 'שמירת הברית'!

דער רבי דרשנ'ט א מורא'דיגער דרש[כ]: אח"ד צו אח"ר, דאס איז איינס אדער צוויי; 'אחד' איז כח האחדות, שמירת הברית; אבער אויב

---

**יח.** ליקוטי מוהר"ן סי' רמ"ב.

**יט.** קהלת ט, יב.

**כ.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ו, בסופו: סוד 'אחר', כמו שכתוב (משלי כ"ה): "וסוד אחר אל תגל" כמובא בזוהר (בתיקונים תיקון ל"ד נ"ו ס"ט) **כשמפסיק הנקודה מהדל"ת של אחד, והנקודה היא אות ברית, אזי נעשה 'אחר'.** היינו כשמכניס בריתו בזונה, הנקראת מלכות הרשעה, הנקרא 'אל אחר', אבל מי שמקדש את עצמו מזאת התאוה, אזי הוא נתקשר במלכות שמים הנקרא 'אני', כמו שכתוב (ויקרא י"ט): "קדושים תהיו כי קדוש אני", ובכל מקום שאתה מוצא גדר ערוה תמצא קדושה (זהר מקץ ר"ד ע"ב): 'אבל מאן דגלי עריין, הכי איהו אתגלי בין אינון עריין, דאינון אלקים אחרים', (תיקונים

עס פעלט דעם קוץ דאות ד', ווערט 'אחר', ווערט עבודה זרה, ווערט פגם הברית.

דער גאנצער איד - **דער גאנצער איד איז קדושה!** [כא]

## גרעסער ווי תנאים ואמוראים

היינט, א פשוט'ער איד, **א פשוט'ער איד וואס טוט נישט וואס מען טאר נישט, איז חשוב אזוי ווי נח הצדיק, פשוטו כמשמעו! פשוטו כמשמעו!** [כב]

אזא ראַנג איז דא אויף דער וועלט!

אז א פשוט'ער איד פארמאכט די אויגן בפשטות - 'מען טאר נישט', אָן חכמות ממש, ער דערווייטערט זיך פון זאכן וואס מען קען דורכדעם אריינפאלן אין שאול תחתיות, איז מען חשוב ווי נח הצדיק! [כג]

---

- תיקון נ"ו דף צ"ג) ובשביל [זה] מובא בזוהר (קדושים פ"ד): כד חזי רבי שמעון נשי שפירין, אמר: "אל תפנו אל אלילים". כי ניאוף היא עריות, אלקים אחרים, מלכות הרשעה.

**כא.** עיין באוסף אמרים (קדושה וטהרה מאמר י') וז"ל מורינו שליט"א: כפי האמור כל הבריאה כולה קיימת ועומדת על התגברות של ישראל בשמירת הברית, כל נקודה של שמירת הברית מחזיקה את העולם, כי בלא זה אין הקב"ה צריך כלל את העולם. העיקר מה שירדנו לזה העולם, **כותב רבינו, העיקר הוא בשביל הנסיון של שמירת הברית.**

ובלקוטי הלכות (אהע"ז קידושין הל' ג', אות ג') כתב מוהרנ"ת: עיקר הנסיון והבחירה של אדם מנעוריו, הוא תאוה זאת, שבוערת באדם מנעוריו. וצריך כל אחד לרחם על עצמו וכו', כי בשביל זה בא לעולם, ואז יזכה למה שיזכה, אשרי לו!

**כב.** עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז, אות מ"ג: ועל כן צריכין לידע שעתה בדורות האלו כשמתגבר האדם בתנועה קלה לשוב לה' יתברך הוא יקר אצל השם יתברך הרבה מעבודות גדולות של דורות הראשונים, וכמובא כל זה בכתבי האר"י ז"ל ובדברי הבעל שם טוב ז"ל, ובפרט מדברי אדמו"ר ז"ל.

**כג.** עיין שיחות הר"ן אות ל"ו, וז"ל: **ואמר עוד יהיה זמן שמי שיהיה איש כשר פשוט, יהיה חידוש גדול כמו הבעש"ט ז"ל.**

די גאנצע בריאה איז פאר דאס ביסל איידלקייט וואס איז דא ביי אידן!

יעדער איינער דארף מאכן קולות פאר השי"ת - "להעביר את רוח הטומאה!" אזא טומאה האט מען קיינמאל נישט געוואוסט - רחמנא ליצלן וואס א מענטש קען טון, עס איז אראפ די בושה, בושה איז אראפ, די לאָך איז געווארן מורא'דיג - עס איז געווארן אזוי גרינג צו ווערן א גוי - איינס-צוויי-דריי, דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

מיר זענען אבער באשאפן געווארן מיט אזא אופן אז אלע שעות דארפן אים גוט זיין - 'בגין דישתמודעין ליה', די גאנצע בריאה איז צוליב די וואס ווייסן פון בורא עולם, וואס זיי טוען נישט קיין שלעכטס, דאס איז דאס!

דאס איז די גרויסקייט פון א אידן בפשטות, אז ער מאכט א ברכה, ער בענטשט, אפילו ער איז נישט קיין דערהויבענער בעל מדריגה אבער ער קוקט נישט וואס מען טאר נישט, ער וויל נישט טראכטן, ער וויל נישט טון קיין שלעכטס, וואס עס טוט זיך אליינס וויל ער נישט, ער שרייט צום אויבערשטן, איז ער מורא'דיג גרויס, ממש גרעסער ווי תנאים ואמוראים! - דער אר"י הקדוש זאגט עס 'בימיו'[כד].

עס איז געווען א געוויסע קינה אויף דעם וואס איז נעלם געווארן די סתרי תורה, און די חכמי צפת האבן עס נישט געזאגט בשעת דער אר"י הקדוש האט געלעבט, מען קען עס נישט זאגן ווייל עס איז יא דא (- האר"י הקדוש) - א מורא'דיגע זאך[כה].

---

**כד.** עי' ספר "שער הגלגולים", הקדמה ל"ח: "פעם אחת שאלתי למורי ז"ל, איך היה אומר לי שנפשי היתה כ"כ מעולה כנ"ל, והרי הקטן שבדורות הראשונים, היה צדיק וחסיד, שאין אני מגיע לעקבו? ואמר לי, דע לך, כי אין גדולת הנפש תלויה כפי מעשה האדם, רק כפי הזמן והדור ההוא. **כי מעשה קטן מאד בדור הזה שקול בכמה מצות גדולות שבדורות אחרים** כי בדורות אלו הקליפה גוברת מאד מאד לאין קץ, משא"כ בדורות ראשונים".

**כה.** עיין פרי עץ חיים - על כוונת ט' באב ובין המצרים, בהג"ה מהגר"י צמח (מתלמידי מהר"ח וויטאל זצ"ל): **גם סיפר לי החכם הר"י כהן נר"ו משם הרב ז"ל הרח"ו שלא**

און דער אר"י הקדוש האט געזאגט: **לפי דעם הסתר פנים וואס איז דא היינט, איז מעַט עבודת ה' גרויס ווי תנאים ואמוראים!**

איר ווייסט פון וואס מען רעדט?!

קומט דער חיד"א און זאגט[כו], היינט איז עס דאס טויזנט מאל אזויפיל! דאס איז א קל וחומר בימינו!

און היינט איז דאס נאך טויזנט קל וחומר'ס - **בלי גוזמא!**

**בלי גוזמא!**

מען דארף וויסן, מיט יעדעס ביסל אידישקייט, מיט יעדער ברכה, מיט יעדעס תפילין לייגן, מיט יעדן דאווענען, מיט יעדעס 'אמן יהא שמיה רבה' בתמימות ובפשיטות ממש, זענען מיר אזוי ווי מלאכי מעלה!

מען דארף אבער וועלן, מען דארף רחמנות האבן - 'עשה למען שמך!' ממש זיי ארבעטן בלי חוק, זיי נעמען צו די בחירה רחמנא ליצלן, עס איז דאך א שרעקליכע זאך, מען דארף טאקע מתפלל זיין.

## נישט געוועז ווער עס זאל אנצינדן דעם גיהנום...

עס זיצן היינט רבנים, מען טראכט עצות - זאלן זיי טאקע געפינען א גוטע עצה אז עס זאל טאקע ווערן 'לבער את החמץ מן העולם',

---

**היו חכמי אותו הדור מניחין אותו לומר בט"ב אותה קינה** שכתובה איכה חשכה אור הלבנה שבה סוד התורה היש מוציא לאורה. ומי הוא זה אשר הדור יגין בשבילו וכו' כל זמן שהיה הרב בצפת כי אז היה בדורו של הרב זלה"ה שהיה יודע בסודות התורה והיה ראוי שהדור מגין עליו, והיה ראוי אח"כ להוסיף דברים שנפלאו ונעלמו, המה סודות בפטירתו בנשיקה.

**כו.** עיין חומת אנך על שיר השירים פרק ז' פסוק ו'. ועיין ישמח ישראל פר' עקב אחרי שמעתיק דברי האריז"ל הנ"ל שמסיים שם בזה"ל: "**ואם בדורו אמר כן ק"ו בן בנו של ק"ו על דורות האלה!**".

אז א איד זאל קענען זיין א פשוט'ער איד; מען קען דאך ממש ווערן דער גרעסטער רשע אין דער וועלט אין איין רגע!

דער **גרעסטער** רשע קען ער זיין אין איין רגע!

דאס איז כליון! אזוי ווי אמונה אין בורא עולם איז נצחיות - קדושה איז נצחיות, איז דער טומאה כליון שבכליון. די וועלט וואלט געדארפט פארברענט ווערן פון דעם אליין! א נס אז עס איז דא צדָקות, אידן דינען דעם אויבערשטן, אידן ווייסן פונעם אויבערשטן, אידן זענען מרביץ תורה, וועגן דעם האלט זיך עס, ווען נישט דעם וואלט ממש פארברענט געווארן דער וועלט! עס וואלט פארברענט געווארן דער וועלט! פאר דעם האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט? רחמנא ליצלן!

**עס איז דאך ממש א נס אז דער אויבערשטער האט געשוואוירן אויפן מבול; עס וואלט געקומען - טויזנט מבול'ען וואלט געקומען!**

אבער מיר ווייסן נישט ווי חשוב דאס איז (- כל התגברות!). לאמיר זיין 'מסטרא דקודשא בריך הוא', לאמיר זיין 'מבני היכלא דמלכא' - פשוט, פשוט, דורכדעם וועט זיין גוט פאר אונז, גוט פאר אונזערע קינדער, גוט אויף דער וועלט, גוט אויף יענער וועלט!

עס איז דאך דא אַן עלמא דאתי; חס וחלילה - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, דער עונש אויף דעם פגם איז רחמנא ליצלן! דער גאנצער גיהנום איז באשאפן געווארן וועגן דעם! בשעת די אנשי כנסת הגדולה האבן געכאפט דעם יצרא דעריות, באלד דריי טעג איז געווען פארלאשן דער גיהנום - עס איז נישט געווען ווער עס זאל עס אנצינדן...[כז]

**אוי, דער אויבערשטער איז א רחום וחנון!**

**כז.** עיין זוהר תרומה דף ק"נ ע"ב.

מען דארף זיך באנייען, טון וואס מען קען, טאקע וועלן דעם "**וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ**"[כח], 'וועלן' עס זאל נמשך ווערן א השראת השכינה אויף דער וועלט, א זיו השכינה, א נועם אין אויבערשטן!

דאס (- כשפוגם בקדושה) איז מען דאך ארייגעפאלן פון 'נועם העליון' אין 'טינופת שבטינופת', עס איז דאך ממש א שרעק אין דער וועלט!

א ילוד אשה קען האבן שייכות מיטן בורא עולם מיט אביסעלע 'סור מרע', מיט אביסעלע 'עשה טוב', עס איז דאך א געוואלדיגע זכיה פאר אונז, א געוואלדיגע זכיה פאר אונז, עס איז בפשטות, מען לערנט תורה, מען טראכט אין די הייליגע תורה, אין די הייליגע הלכות, דורכדעם איז מען אַדערווייל אין תיבת נח[כט], אַדערוויייל איז מען סור מרע, אַדערוויייל איז מען אין אַן 'אַוִיר' - אזוי ווי דער רבי זאגט אין דעם היינטיגן 'עמוד היומי'[ל]: 'אוירא דארץ ישראל' - 'הבל שאין בו חטא'.

בזכות דעם האלט דער אויבערשטער דער בריאה! יעדער רגע וואס מען איז אין א 'מקום' אדער אין א 'זמן' פון 'אין בו חטא', בזכות

---

**כח.** זכריה יג, ב.

**כט.** עיין ליקוטי הלכות הל' נשיאת כפים ה"ה, אות ט': **התיבות של נח ומשה נמשכו מתיבות ואותיות הדיבורים של התורה**, כי עיקר מימי המבול נמשכו מחמת שחטאו נגד השם יתברך ופגמו בברית עד שלא יכלו אותיות התורה להתצמצם בזה העולם ולקיים העולם, כי גם בימי נח קודם מתן תורה היה עיקר קיום העולם על ידי אותיות התורה שקדמה לעולם ובה ברא העולם כידוע. וגם כבר נצטוינו בשבע מצות ובהם היה תלוי קיום העולם אז, והם עברו עליהם. ועל ידי זה לא היו אותיות התורה יכולים לצמצם מימי הים והתהום, ומשם נמשך שנפתחו כל מעיינות תהום רבה עד שבא המבול. **ונח שהיה צדיק ניצול על ידי התבה שנמשכה מתיבות ודיבורים ממש, היינו על ידי אותיות ותיבת התורה שזכה לקיים**, על ידי זה זכה ליכנס בתיבה ועל ידי זה היה כח בהתיבה לילך על פני המים. ועל ידי זה ניצול הוא וזרעו וכו' ונתקיים העולם.

**ל.** בליקוטי מוהר"ן הנלמד במסגרת בקרב חסידי ברסלב, סי' ל"ז, אות ד'.

דעם איז "קיום בריאה", דאס איז דאס, "**אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי!**"[לא] אלע וואס גייען אוועק פון השי"ת, לעבן בזכות די וואס זיי זענען ממשיך דער וועלט!

**"כל העולם ניזון בשביל חנינא בני"[לב] גייט אויף יעדן טאג פון יעדן איינעם!**

## דו ביסט ערלויבט צו דעם גרעסטן דאווענען!

רבי נתן הויבט אָן דעם ליקוטי הלכות[לג]: 'דו ביסט טוב!' - פריי זיך מיטן טוב. ווען מען פריידט זיך מיטן טוב וואלט מען מוסיף געווען נאך טוב און נאך טוב און נאך טוב.

מען דארף וויסן, עס איז אַן עצה פון רבי'ן, אַן עצה פון רבי'ן! דער רבי זאגט[לד], מען קען אלע יארן דורכגיין מיט 'דער' תורה אליין! דו

---

**לא.** ירמי' לג, כה.

**לב.** ברכות יז ע"ב.

**לג.** הל' השכמת הבוקר ה"א, בנוי ומיוסד ע"פ התורה של 'אזמרה לאלקי בעודי' בליקוטי מוהר"ן סי' רפ"ב, אשר זהו תמצית היוצא משם בקיצור (ע"פ ליקוטי עצות): כשמתחיל האדם להסתכל על עצמו ורואה, שרחוק מטוב והוא מלא עוונות, אזי יכול ליפול על ידי זה ולא יוכל להתפלל כלל, על כן הוא מחויב לחפש ולבקש ולמצוא בעצמו איזה טוב. **כי איך אפשר שלא עשה מימיו איזה מצוה או דבר טוב?!** ואף כשמתחיל להסתכל באותו טוב שעשה, הוא רואה, שהטוב בעצמו הוא מלא פצעים ואין בו מתום, כי הטוב מעורב בפניות ובפסולת הרבה, **אף על פי כן, איך אפשר שלא יהיה בהמעט טוב איזה נקודה טובה?! וכן צריך לחפש ולבקש עד שימצא בעצמו עוד איזה דבר טוב, ואף שגם זה הטוב מעורב גם כן בפסולת הרבה, עם כל זה, על כל פנים יש בו איזה נקודה טובה. וכן יחפש ויבקש עוד עד שימצא בעצמו עוד איזה נקודות טובות** ועל ידי זה שמוצא בעצמו איזה זכות וטוב, על ידי זה יוצא באמת מכף חובה לכף זכות **ויוכל לשוב בתשובה.** ועל ידי זה יוכל להחיות את עצמו ולחזק את עצמו ולשמח את עצמו **איך שהוא.**

**לד.** שם, וז"ל: **והזהיר רביז"ל מאד לילך עם התורה הזאת, כי הוא יסוד גדול לכל מי שרוצה להתקרב להשם יתברך, ולבל יאבד עולמו לגמרי חס ושלום,** כי רוב

זאלסט וויסן ווי ווייט חשוב דיין טוב איז, דעמאלט וועט מען טון נאך א טוב, דעמאלט וועט מען טון נאך א סור מרע, נאך א סור מרע, עס איז ממש א געוואלד! עס איז בלי גבול!

מען דארף דאך וויסן, א מצוה איז גרויס פינף הונדערט מאל גרעסער ווי אַן עבירה[לה]. דאס הייסט, וויפיל אַן עבירה איז ביטער, איז די שכר מצוה פינף הונדערט מאל אזויפיל אנטקעגן דעם עונש פון דער עבירה - אט דאס איז דאך 'אזמרה לאלקי בעודי'!

אַדערווייל זאל מען טראכטן פון גוטס. יעדע נקודה - און נאך א נקודה, נאך א נקודה, נאך א נקודה, דא א סור מרע, דא אַן עשה טוב, דא אַן אמן, דא אַן אמן יהא שמיה רבא, דא א בלעטל גמרא, דא א טובה טון א אידן - עס איז גרויס בלי גבול, מען דארף זיך פרייען מיט דעם, און דורכדעם ווערט נאך נקודה'ס, און נאך נקודה'ס, דאס איז דאך ממש אמת לאמיתו.

אוודאי, מען דארף וויסן דער חומר פון סור מרע, דאס איז כליון ואבדון רחמנא ליצלן, דאס איז אומגליקליך. אבער אזוי דארף מען אויך וויסן - יא, ברוך ה', ברוך ה', ברוך ה' (- איך האב נקודות טובות)

---

בני אדם שרחוקים מהשם יתברך, עיקר רחוקם הוא מחמת מרה שחורה ועצבות, מחמת שנופלים בדעתם, מחמת שרואים בעצמם גודל קלקולם שקלקלו מעשיהם כל אחד כפי מה שיודע בעצמו את נגעי לבבו ומכאוביו, ומחמת זה הם נופלים בדעתם, ורובן מיאשים עצמן לגמרי, ועל ידי זה אינם מתפללים בכוונה כלל, ואינם עושים אפילו מה שהיו יכולים לעשות עדיין. על כן צריך האדם להשכיל מאד על דבר זה, כי כל הנפילות שבדעתו, אף על פי שהוא מחמת מעשים רעים שעשה באמת, עם כל זה, הנפילה שבדעתו, והעצבות והמרה שחורה שנופל עליו על ידי זה, הכל הוא רק מעשי בעל דבר, שמחליש דעתו כדי להפילו לגמרי, חס ושלום. על כן צריכין להתחזק מאד, לילך עם התורה הזאת לחפש ולבקש בעצמו בכל פעם איזה מעט טוב ונקודות טובות וכו' כנ"ל. ועל ידי זה יחיה וישמח את עצמו, ויצפה לישועה עדיין, ויוכל להתפלל ולזמר ולהודות לה', בבחינת 'אזמרה לאלקי בעודי' כנ"ל, **ועל ידי זה יזכה לשוב באמת אל ה'** כנ"ל.

**לה.** עיין רש"י שמות כ', ו', ד"ה 'ועושה חסד לאלפים'.

- 'זיך דן זיין לכף זכות', וואס איז געווען איז געווען, דער אויבערשטער ווייסט אז מיר לעבן אין אזא מין עולם ההסתרה; אז מען איז זיך דן לכף זכות - גייט מען אריין אין זכות. דאס איז ממש די עצה פון 'אזמרה', עס איז א מורא'דיגע עצה, א מורא'דיגע עצה.

אז מען קומט דאווענען און עס קומט 'דא' א בלבול, און 'דא' א בלבול, דארף מען זאגן: 'קיינער האט נישט קיין רשות צו מבלבל זיין!' איך האב א פסק פון דעם רבי'ן - 'מיין טוב דאווענט - יעצט דאווענט מיין טוב!'

מיט מיין נקודה טובה האב איך רשות צו דאווענען דעם גרעסטן דאווענען אויף דער וועלט, איך האב אחריות פון רבי'ן אויף דעם!

אז מען זאל עס טון, וואקסט מען און מען וואקסט און מען וואקסט[לו].

## "לִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו"

אז דער רצון איז למען שמו יתברך, האט מען ליב יעדן אידן, מען איז זיך מצטרף מיט יעדן אידן, מען וויל ראטעווען יעדן אידן, ממש אזוי.

---

**לו.** עיין באוסף אמרים (מדות, תורת המדות שער שלישי) וז"ל מורינו שליט"א: זכרוני בילדותי היה לי חבר צעיר (מבית של חסידי חב"ד) וכבר בילדותו היה בעל מח גדול וחריף. פעם אחת, בשנות הי"א, השיח לבו לפני שנדבקו בו בלבולי אמונה, ואינו יכול לסבול זאת [כי הספקות הללו, העמלק הזה, נתפס יותר אצל בעלי המוח, בעלי הנפש, כידוע]. הוא החליט להכנס לחסיד מבוגר שיורה לו מה לעשות בצרתו הגדולה. הוא הלך איפוא להחסיד הותיק רבי שמואל חיים קובלקין ע"ה, מחשובי חסידי חב"ד דאז, והיה טוב למקום וטוב לבריות, ובעל מח גדול, גם היה עטור במלבושי אנשי ירושלים הותיקים ללא כחל ושרק.

כאשר נכנס אליו והשיח את לבו על בלבולי האמונה הקשים המייסרים אותו מנפש ועד בשר וכאילו הוא ח"ו אבוד לגמרי עקב המחשבות הרעות הללו, התרגש רבי שמואל חיים ונזדעק:

את דאס איז אַן 'אדם', דאס איז אַן 'אדם'! א מענטש קומט דען אויף דער וועלט 'למלאות תאותו'? אויף דעם איז מען געבוירן געווארן? אויף דעם שטארבט מען? אויף דעם האט מען געגעבן אזעלכע כוחות הנפש? א מענטש קען דאך משיג זיין השגות מער ווי מלאכים![לז]

א מענטש האט מורא'דיגע מורא'דיגע מורא'דיגע כוחות, מורא'דיגע כוחות - "חילך לאורייתא", "חילך לאורייתא", לאמיר עס געבן פאר דער תורה הקדושה, פאר אמונה, פאר קדושה, פאר חסד, פאר מצוות!

ברוך השם וואס מיר האבן אזעלכע אוצרות מיט וואס צו דינען דעם אויבערשטן, יא, מיט די זאכן, **"לִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו"**[לח].

אז איך פיר דאס אויס, איז מען דאך 'אייביג' - אזוי ווי דער אויבערשטער איז 'אייביג'!

**"חַיִּים נִצְחִיִּים הֵם רַק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי הוּא חַי לָנֶצַח. וּמִי שֶׁנִּכְלָל בְּשָׁרְשׁוֹ, דְּהַיְנוּ בּוֹ יִתְבָּרַךְ, הוּא גַּם כֵּן חַי לָנֶצַח!"**[לט]

יעדע זאך וואס איז דער היפך דערפון, איז מיתה, מיתה, כליון ואבדון, ממש אזוי, כליון ואבדון!

## נישטא קיין סטרא אחרא!

עס איז דא א מורא'דיגער ווארט וואס שטייט אין ספר 'בעל שם טוב על התורה'[מ] ביים סוף, ביי מגילת אסתר, א מורא'דיגע זאך:

---

לא ולא, **אין זה אתה! דו ביסט עס נישט! זה אדם זר לגמרי, אתה בחור כשר זך וטהור, דו ביסט א ערליכער בחור!** וכי יעלה על הדעת שאין לך אמונה? והרי אתה בן לאומה הישראלית, א אידיש קינד! אלא מאי, מעט פסולת מנסה להדבק בך, ובמהרה גם היא תיעלם ותסתלק ממך, ושוב תשאר בעצם הטוב והטוהר שלך.

**לז.** עיין ירושלמי פ"ו ה"ט על פסוק 'כעת יאמר ליעקב ולישראל - מה פעל א-ל'.

**לח.** ישעי' מג, ז.

**לט.** ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א.

מצד אחד איז דאך "**זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים**"[מא]; אזוי ווי די קדושה איז גרויס, האט דער אויבערשטער געמאכט מורא'דיג אז די קדושה מיט די טומאה קריגן זיך 'זה לעומת זה' - און עס איז נישט אזוי גרינג זיך צו שלאגן מיט זיי.

היינט מעג מען שוין אבער זאגן בפרהסיא די זאך, אמאל איז דאס אַן איידעלע זאך. ער זאגט אז דער ווארט איז '**עמוק עמוק מי ימצאנו, ולאו כל מוחא סביל דא**' - אז אינ'אמת'ן איז נישטא קיין סטרא אחרא! - דער בעל שם האט געוואוסט וואס ער רעדט.

**אין עוד מלבדו!**

עס איז נישטא קיין סטרא אחרא, עס איז נישטא אזא זאך!

עס איז נישטא, עס איז נישטא קיין סטרא אחרא, עס איז נישטא!

**נישטא קיין סטרא אחרא לגמרי!**

דאס וואס עס דאכט זיך אז עס איז דא א סטרא אחרא - דאס איז די סטרא אחרא! דאס וואס עס דאכט זיך אז עס איז דא א סטרא אחרא - אט דאס איז די סטרא אחרא![מב]

---

**מ.** עיין בעל שם טוב על התורה על מגילת אסתר, אות א', בשם ספה"ק אור המאיר, וז"ל: 'להביא את ושתי המלכה לפני המלך בכתר מלכות' וגו', ובגמרא (מגילה יב ע"ב) 'ובלבד שתהא ערומה'. **שמעתי בשם הבעל שם טוב זללה"ה**, ותוכן הדברים דברי קודש, **כי בחינות הקליפות אין להם בחינות המציאות בעולם**, כי אם דרך הלבשה באיזה בחינה, וכיון שאמר המלך להביא את ושתי, המורה על קליפה, שכנגד אסתר שבקדושה, וציוה להביא את הקליפות ערום בלא לבוש, **ולכן לא באה, כי מאַין לה לבוא, שאין לה שום מציאות**, בלתי אמצעיות ההלבשה, **והענין עמוק, ולאו כל מוחא סביל להבין את דבריו הקדושים.**

**מא.** קהלת ז, יד.

**מב.** עיין בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ו, וז"ל: ומעין זה מה שמספרים **בשם הבעש"ט זצוק"ל**, משל, שמלך אחד הניח אוצר גדול במקום אחד, וסיבב באחיזת עינים כמה וכמה חומות סביב האוצר וכשבאו בני אדם לאלו החומות, נדמה להם שהם חומות ממש, וקשה לשברם. וקצתם חזרו תיכף, וקצתם שברו חומה אחת ובאו אל השניה

עס איז נישטא אזא זאך, שקר וכזב, א שקר, א שטארקע שקר וואס דאס איז א מורא'דיגע שקר, אבער עס איז 'נישט'! עס איז 'נישט'! דאס וואס עס דאכט זיך אז עס איז דא א סטרא אחרא און עס איז דא תאוות, דאס איז די סטרא אחרא! עס איז גארנישט דא - אינ'אמת'ן גארנישט![מג]

## ער האט געמיינט אז ער זיצט...

די גאנצע מלוכה פון אחשורוש'ן האט געהאלטן פאר פערצן יאר - וואס עס האט זיך אפגעטון מיט דעם אחשוורוש'ן... ער האט אויסגעקליבן אסתר - איינע אין דעם גאנצן כדור הארץ - און ער האט נישט גערעדט מיט איר... איר הערט וואס טוט זיך? אז ער

---

ולא יכלו לשברה, וקצתם שברו יותר ולא יכלו לשבר הנשארים, עד שבא הבן מלך, אמר: **אני יודע, שכל החומות הם רק באחיזת עינים, ובאמת אין שום חומה כלל**, והלך לבטח עד שעבר על כולם. ומזה יבין המשכיל הנמשל מאליו על כל המניעות וההסתות ופתויים, שהם בחינת חומות, שיש על אוצר של יראת שמים, **שבאמת אינם כלום**. והעיקר לב חזק ואמיץ, ואז אין לו שום מניעה. - משל זה מובא הרבה בספרי תלמידי הבעש"ט, ובפרט בתולדות יעקב יוסף, ובדגל מחנה אפרים, ועוד.

**מג.** עיין שיחות הר"ן אות נ"א: וכנגד התאוות המטרידים את האדם. **באמת אין נמצא שום תאוה כלל**. כי אכילה ושתיה הוא הכרח לקיום הגוף, וגם בנים מוכרחים להוליד, וכל זה האדם מוכרח ואם כן אין שום תאוה כלל רק שצריכים להתנהג בהם בקדושה ובטהרה. והשכל של האדם יכול לעמד כנגד כל התאוות. כי הקדוש ברוך הוא יהב חכמתא לחכימין. כי יש לכל אחד חכמה בכח, רק שצריכין להוציאם מכח אל הפעל. **ובזה השכל לבד שיש לכל אחד בכח חכמתו דהיינו מה שיש לו מעצם בריאתו, מלבד מה שהשם יתברך מוסיף ליתן חכמה לחכימין, בכח חכמתו לבד יכול גם כן לעמד כנגד התאוות**. ואפילו מי שכבר נמשך אחר תאוות עולם הזה ועבר מה שעבר, ונפגם שכלו ונתבלבל ונתמעט, אף על פי כן במעט מעט שכל הנשאר יכול גם כן לעמוד. **ואפילו נקודה אחת מן השכל יכולה לעמוד כנגד כל העולם עם התאוות**. ובכל מקום שהוא יכולין להיות סמוכין לשם יתברך. ועין במקום אחר מזה **שגם בשאול תחתיות חס ושלום יכולין להתקרב אליו יתברך ולעבדו יתברך באמת**.

האט זיך דערוואוסט אז זי שטאמט פון דעם מלך (- שאול) - אָה, יעצט קען מען רעדן![מד] - די גאווה איז געווען ממש - -

עס איז פארהאן א מדרש[מה], עס שטייט[מו]: "כְּשֶׁבֶת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ" מיט א כ"ף הדמיון, ווייל כל ימיו האט ער געמאכט חוזק, "**כ**שבת המלך" - ער האט געמיינט אז ער זיצט.

האט ער געוואלט ארויסווייזן אז עס איז דא אַן אמת אין דער סטרא אחרא, נישט עס דאכט זיך, די סטרא אחרא איז אַן אמת'ע זאך, דערפאר האט ער געהייסן ברענגן ושתי. אבער זי איז נישט געקומען - ווייל עס איז נישטא אזא זאך, נישטא אזא זאך!

די זאך, זאגט ער, איז 'עמוק עמוק מי ימצאנו, ולאו כל מוחא סביל דא'!

דער הייליגער רבי האט עס געזאגט[מז] מער אויף א פשוט'ן אופן - פלאי פלאות: דער יצר הרע איז דומה אזוי ווי עס קומט אריין איינער און האלט א פארמאכטע האנט - און פאר יעדעם איינעם דאכט זיך אז זיין שאיפת החיים ליגט ביי אים אין האנט. און אלע

---

**מד.** מגילה טז ע"א.

**מה.** מדרש רבה על מגילת אסתר פר' א', פס' י"א.

**מו.** אסתר א, ב.

**מז.** שיחות הר"ן אות ו', וז"ל: היצר הרע דומה כמו מי שהולך ורץ בין בני אדם, וידו סגורה ואין אדם יודע מה בתוכה. והוא מְרַמֶה בני אדם ושואל לכל אחד, מה אני אוחז? ולכל אחד נדמה כאילו הוא אוחז מה שהוא מתאוה. ועל כן הכל רצים אחריו כי כל אחד סובר שיש בידו מה שהוא חפץ. ואחר כך הוא פותח את ידו ואין בה כלום. כמו כן ממש היצר הרע שהוא מרמה כל העולם והכל רצים אחריו ומרמה לכל אחד ואחד עד שנדמה לכל אחד ואחד כאילו יש בידו מה שהוא חפץ כל אחד כפי שטותו ותאותו. ואחר כך בסוף הוא פותח את ידו ואין בה כלום כי אין מי שימלא תאותו אצלו. גם נדמו כל התאוות של העולם כמו עמודי אור הנכנסין בבית מן אור החמה כנראה בחוש שהם נדמין לעמודים מחמת הזריחה של החמה. וכאילו רוצים לתפוס אותן העמודי אור שתופסים וחוטפים ואין בתוך היד כלום כך הם כל התאוות של עולם הזה.

לויפן אים נאך, מען חנפ'עט זיך צו אים, ווייל ביי אים וועל איך קריגן וואס איך וויל, און עס טוט זיך, מען גיט אים נאך, אלע זענען מקורב צו אים - אַן איבערקערעניש.

סוף כל סוף עפנט ער אויף דער האנט - עס איז גארנישט דא...

דאס איז כמעט דער זעלבער ווארט פון דעם בעל שם.

## א שליח פון דעם אויבערשטן

על-כל-פנים, דאס איז וואס דער רבי זאגט אין דער היינטיגער תורה (- בעמוד היומי): עס איז פאראנען 'חיים ומיתה'; דער רע איז א מציאות פון מיתה, מיתה איז 'נישט' - אויס. 'חיים ומיתה' איז 'אמת מיט שקר', 'אור מיט חושך', 'אדם ובהמה'.

אט דאס איז אַן 'אדם', אז מען האלט זיךביים אמת, אז מען האלט זיך ביים אמת, "בגין דישתמודעין ליה" - מען איז אראפ אויף דער וועלט צו וויסן פון בורא עולם - נאכמער וויסן, נאכמער וויסן, נאכמער וויסן. דער גאנצער לעבן, דער גאנצער חומר, אלעס איז למען צו 'וויסן פון בורא עולם', למען צו קעמפן פארן בורא עולם, קעמפן פאר סור מרע, קעמפן פאר עשה טוב, איך בין באשאפן געווארן למען דעם בורא עולם, אויפצוטון און זיך אליין בויען. דער רבי זאגט: די תורה איז אור, די תורה איז אמת, די תורה איז חיים - אלעס אלעס איז די תורה, תורת אמת, תורת אמת.

דער אויבערשטער העלפט, ברוך השם, מיר האבן אזעלכע ספרים הקדושים; אז מען לערנט, דעמאלט איז מען אין טהרה, אז איך לערן בין איך ערשט אין טהרה, עס איז הבל שאין בו חטא, אויף דעם שטעלט אוועק דער אויבערשטער דער וועלט!

אפילו צדקה[מח] - אז א מענטש ווייסט אז ער איז נישט באשאפן געווארן פאר זיך נאר פארן אויבערשטן, האט ער ליב צו געבן צדקה,

---

**מח.** עיין שם בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ז אות ג' שע"י צדקה מכניעין הבהמיות וזוכין לאשתמודעין ליה.

ווייל ער איז נישט געקומען פאר זיך, ער איז געקומען צו בויען די קדושה - 'לאמיר בויען 'דעם' אידן, לאמיר בויען 'דעם' אידן! איך האב הנאה אז איך גיב, איך האב הנאה אז איך בין משפיע, איך בין דאך א שליח אויף דער וועלט!' א בהמה מאכט מען דאך נישט קיין שליח אויף דער וועלט; אז א מענטש ווערט א בהמה ווערט ער אויס שליח - א מענטש איז דאך א שליח אויף דער וועלט.

אונז זענען געקומען אויפצובויען די רמ"ח אברים ושס"ה גידים אז עס זאל זיין א מרכבה צו דעת אלקים - צו פאלגן דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין, נישט טון קיין שלעכטס, קעמפן למענו יתברך! איך בין דאך ממש א שליח וואס איך בין אראפגעקומען דא צו טון למען שמו יתברך - ראטעווען מענטשן, ראטעווען 'זיך', טון, העלפן צו מלחמה האלטן מיט דער סטרא אחרא!

וואס מען טוט 'למען שמו' איז מען מיט דעם ממש א שליח פון דעם אויבערשטן! מען דארף וועלן אז יעדער איינער זאל וויסן פון אויבערשטן, וועלן אויפבויען דער וועלט למען שמו יתברך - דאס איז א מענטש! דאס איז א שליח! דעמאלט לעבט מען אייביג! "**כְּפוּם מָה דְּאִתְדַּבַּק בַּר נָשׁ בְּהַאי עָלְמָא כֵּן הוּא בְּעָלְמָא דְּאָתֵי**"[מט] ממש.

אט דאס דארף מען שטארק דערהערן - בפרט היינט; היינט איז ערשט די צייט און דער זמן וואס מען בעט ביי אונז 'בני בשר ודם' - "**תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים**"[נ] – העלף צו דעם אויבערשטן! העלף צו דעם אויבערשטן! טוה אלעס 'למען שמו יתברך'! נישט פאר דיר, נאר למען שמו יתברך! דער חלק וואס מען נעמט פאר זיך איז, זיין געזונט, האבן כח אז מען זאל האבן מח אז מען זאל קענען אויפטון פארן אויבערשטן - דעמאלט ווערט דער חומר א מרכבה לקדושה.

אט דאס איז די ווערטער 'בגין דישתמודעין ליה'.

---

**מט.** עיין זוהר וישלח דף קע"ו ע"א; עיין גם חיי מוהר"ן אות ק"א.

**נ.** תהלים סח, לה.

### מען קען נישט מקטרג זיין

דער רבי רעדט וועגן צדקה - צדקה איז דאך א געוואלד; ווען אַן ארעמאן קומט - גיב אים צדקה, יא יא - גיב! אז א מענטש גיט צדקה איז ער מעורר אז דער אויבערשטער וועט אים ווייטער געבן. אז א מענטש גיט נישט, האלט עס אפ די שפע, און אפילו ער וועט האבן שפע - וועט דערפון גארנישט ווערן חס ושלום. עס איז א געוואלדיגע זאך, א מענטש וואס גיט - וועט מען אים ווייטער געבן, עס איז מוריד שפע.

איך האב געזעהן נישט לאנג צוריק א ווארט, איך געדענק נישט פון וועלכער צדיק[נא]: אז מען איז מתפלל פאר יענעם איז דאס א געוואלדיגע סגולה אז עס זאל אנגענומען ווערן די תפילות - ווייל עס איז נישטא קיין מקטריגים; דעם מתפלל קען מען נישט אפהאלטן וועגן זיינע עוונות - איך בעט נישט פאר מיר, איך בעט פאר יענעם; יענעם קען מען נישט אפהאלטן וועגן זיינע עוונות - ווייל א צווייטער האט דאס מתפלל געווען - ווערט (אַן התעוררות) למעלה – 'גיט א קוק, א מענטש האט רחמנות אויף יענעם!' - האט מען מלמעלה אויף אים אויך רחמנות.

איז פשט, אז מען טוט פאר יענעם איז מען א מענטש - 'צדקה' דאס איז 'אדם'. דער רבי זאגט[נב] א גזירה שוה פון **"אֲשֶׁר עָשִׂיתִי עִמּוֹ"**[נג], דאס איז אדם.

---

**נא.** עיין ספר 'בית אלקים' (להמבי"ט) שער התפילה - פרק י"ב: שהמבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחלה גם שלא התפלל על עצמו. **וסיבת הדבר**, כי בזמן שהאדם מתפלל על עצמו נראה שהכנעתו וכוונתו בתפלה הוא לתועלת המושג לו בתפלתו ואינה תפלה לשמה, אמנם כשמתפלל על אחרים כוונתו בתפלה לא להשגת תועלת המושג, כי אם שמודיע ומכיר כי אין מי שיוכל להפיק רצון איש ואיש כי אם הוא ית', ולזה הוא משלים חסרון המתפלל תחלה ואחר כך למי שהתפלל עליו, כיון שהוא לא התפלל על עצמו בהיות צריך לאותו דבר ולא כיון גם כן לעצמו.

**נב.** שם בליקוטי מוהר"ן ל"ז אות ג': וזה שכתוב בזוהר (בהקדמה י"ג ע"ב) "נעשה אדם",

דערפאר, דאס ענין פון מידות טובות - אז א מענטש איז א 'מכיר טובה', איז ער מכיר טובה דעם אויבערשטן; איז ער נישט קיין מכיר טובה, איז ער נישט מכיר טובה דעם אויבערשטן. אז מען טוט חסד מיט א מענטשן, איז עס א סגולה צו וועלן טון חסד למען שמו יתברך, און אז מען טוט למען שמו יתברך, וויל מען טון חסד פאר אנדערע מענטשן.

די מידות טובות איז דאך אזעלכע סארט מצוות; אז א מענטש האט אַן עין טובה, איז ער ממשיך אויף זיך אַן עין טובה; אז א מענטש גיט צדקה, איז ער ממשיך אויף זיך אז דער אויבערשטער זאל אים געבן צדקה; אז א מענטש האלט זיך איין פון כעס, איז ער ממשיך אז טאמער עס איז דא חרון אף אויף אים, זאל דער אויבערשטן ממתיק זיין דעם 'חרון אף' - ווייל ער האט דאך אויך ממתיק געווען א חרון אף.

## מען וואלט געטאנצן אין דער לופטן

איך זאג אלעמאל איבער, [עס איז מיר אליין איינגעפאלן, אבער] איך האב עס געזעהן אין שפת אמת[נד]. דער זוהר הקדוש זאגט[נה]: ווען דער אויבערשטער וויל רחמנות האבן אויף א מענטשן, שיקט ער אים אַן עני אז ער זאל רחמנות האבן אויף דעם עני. פארוואס? ווייל דער אויבערשטער וויל אז ער זאל טון א פעולה פון רחמנות, און אז ער האט רחמנות אויף דעם ארעמאן, איז ער מעורר אז דער

---

על ידי התענית נתהוה בחינת אדם. כתיב הכא נעשה, וכתיב התם "ושם האיש אשר עשיתי עמו", מה התם צדקה, אף כאן צדקה.

**נג.** רות ב, יט.

**נד.** עיין שפת אמת פרשת תשא, שנת תרל"ז.

**נה.** ח"א קד ע"א, וז"ל: "דתנינן **בשעתא דקודשא בריך הוא רחים ליה לבר נש, משדר ליה דורונא, ומאן איהו? מסכנא! בגין דיזכי ביה.** וכיון דזכי ביה, איהו אמשיך עליה חד חוטא דחסד דאתמשך מסטר ימינא ופריש ארישיה ורשים ליה" וכו', עיי"ש. גם עיי"ש בח"ב קצ"ח ע"א.

אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אים. דאס הייסט, דער אויבערשטער גיט אים עקסטער א נסיון.

דאס איז נישט דוקא נאר אַן ארעמאן - אמאל דארף מען מאכן א טובה יענעם, אמאל דארף מען זיך אפגעבן מיט יענעם, אמאל דארף מען מחזק זיין יענעם, און אמאל שיקט אים דער אויבערשטן סתם א נודניק וואס זאל אים מאכן אין כעס, און אז ער ווערט נישט אין כעס האט ער ממתיק געווען מורא'דיגע דינים - און עס איז אויך אַן הנאה פאר דער גאנצער וועלט! מידות טובות דאס איז אלץ!

דאס וואס דער זוהר הקדוש זאגט אז מען שיקט אים אַן ארעמאן איז נישט נאר אַן ארעמאן - נאר אלצדינג, אמאל שיקט מען אים א נסיון פון קדושה, וואס אז דו שטייסט עס ביי - ווען דו ווייסט ווען וואספארא טובה דו האסט געטון דער בריאה וואלט מען געטאנצן אין דער לופטן, ממש געטאנצן אין דער לופטן!

## "אֵין גִּבּוֹר כְּמִתְיָאֵשׁ!"

מיר זענען שרשים עליונים, גאר גרויס, מורא'דיג גרויס, מיר האבן מורא'דיגע שרשים, מען דארף וויסן אז מיר זענען גרויס, מען דארף וויסן אז מיר האבן נקודות טובות! דער רבי רעדט דאך אזעלכע זאכן - אַוואו נאך שטייט אזא אריכות אז מען זאל 'זיך' דַן זיין לכף זכות?! דער רבי האט געזאגט, דו זאלסט זוכן ביי דיר נאך טוב און נאך טוב!

מיט יעדן טוב קען מען נאכער כובש זיין די גאנצע תורה! מיט יעדן טוב און מיט יעדן סור מרע קען מען איינעמען די גאנצע תורה! מען זעט, מען קען מקשר זיין א וועלט - כל התורה כולה!

אז דער אויבערשטער האט דיר מזמין געווען 'דעם' סור מרע - וועסטו פון 'דעם' ווערן א גאנצער ערליכער איד, און אז ער האט דיר מזמין געווען 'דעם' עשה טוב - וועסטו פון 'דעם' ווערן אַן ערליכער איד, און אזוי אין יעדע זאך.

ברוך השם, מען דארף נאר וויסן און זיך נישט לאזן נאַרן - מיר דארפן זיין אַן אדם! מיר זענען אַן אדם - **"אתם קרויין אדם ואין עכו"ם קרויין אדם"**[נו]. א אדם וואס ווייסט פון בורא עולם פירט זיך מיט מידות טובות, ער קעמפט פאר השי"ת, ער בעט פאר דער וועלט, ער בעט דעם אויבערשטן - 'האב רחמנות אויף כלל ישראל, האב רחמנות עס זאל אוועקגיין דער טומאה פון דער וועלט!'

דאס איז דאך ממש ווי רבי נתן זאגט[נז]: **"אין גיבור כמתיָאֵש!"** מיט א מיואש קען מען זיך נישט שלאגן, ער שרעקט זיך נישט אויף גארנישט. די סטרא אחרא ארבעט היינט אזוי ווי דער "אין גיבור כמתיאש", זיי האבן נישט קיין רשות אויף דעם - אויף דעם וועט זיין זייער עונש.

---

**נו.** יבמות סא ע"א.

**נז.** עיין ליקוטי הל' תפילין הלכה ה', אות כ"ט: כי עכשיו התגבר הבעל דבר מאד מאד מחמת שרואה שקרוב לבא קצו, על כן הוא מתגבר מאד. כמו שני בני אדם הנלחמים זה עם זה כשרואה שמתגבר כנגדו וכמעט שיפול, אזי הוא מתגבר **בכל כחו** להפיל את שכנגדו. וכמו שאמר החכם: **"אין גיבור כמתיאש"**. כי הגלות הוא בחינת עיבור וכשיוצאין מן הגלות זהו בחינת לידה כמו גאולת מצרים שנקראת לידה, כמו שכתוב (יחזקאל טז), "ומולדתיך ביום הולדת אותך וכו'". וכן בגאולה אחרונה כתיב (ישעיה ס'), "כי חלה גם ילדה ציון את בניה". וכמו שכתוב (שם), "האני אשביר ולא אוליד". ועל כן בסוף הגלות מתגבר הגלות ביותר, כמו שהיה במצרים, כמו שכתוב (שמות ה'), "ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך הרע לעם הזה וכו'". וכמו שכתוב (שם), "תכבד העבודה וכו'". זה בחינת קישוי הולדה, בחינת (שם י"ג) ויהי כי הקשה פרעה לשלחנו, וכן כל היסורים והצרות שסובלים עכשיו בסוף הגלות האחרון הזה, הם בחינת חבלי לידה 'כמו הרה תקריב ללדת תחיל תזעק בחבליה' וכו'. ועיקר התגברות הגלות שמתגבר עכשיו ח"ו, הוא מה שהבעל דבר מתגבר מאד על נפשות ישראל לרחקם מהשם יתברך, שזהו עיקר גלות וצרות הנפש, כי חוץ מזה הכל הבל וכמבואר במקום אחר. **ועיקר הצרה מה שמתגבר הבעל דבר להכניס כפירות ואפיקורסות בעולם ח"ו, וכמו שאמר רביז"ל שהולך אפיקורסות גדול בעולם. וכמו שרואין בחוש. שלא היתה כזאת מימי עולם אפיקורסות כזאת בישראל כמו עכשיו בעונותינו הרבים.**

על כל פנים, מיר דארפן וויסן, מיר האבן דאך צדיקים וואס האבן אונז מגלה געוועו די זאך, מיר דארפן ערשט זיין אזוי ווי נח אין דעם דור המבול, מיר דארפן זיין אזוי ווי אברהם אבינו אין דעם דור הפלגה - עס איז ממש אזוי, פשוטו כמשמעו; אברהם אבינו בדור הפלגה איז 'אמונה', און נח בדור המבול איז 'קדושה'. מען דארף עס וועלן, און קעמפן פאר דעם, און אליין נכלל ווערן אין דעם ווי עס דארף צו זיין.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מען זאל זיך באנייען בפשטות, פשוט ווערן ערליכע אידן מיט אביסל 'בגין דישתמודעין ליה'. דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך באנייען לטובה.

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל**
**הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# יאמץ לבך

**"מאן מלכי? רבנן"!** (גיטין סב ע"א) די וואס זענען מושל אויף זיך – זיי זענען די ריכטיגע בני חורין, זיי זענען די ריכטיגע בני מלכים!

**א שומר הברית לייגט זיך אריין אין קבר אנדערש!** אָן קיין שדים רוחין ולולין, די מיתה איז נאר לעֵינֵינו, אבער זיי זענען חיים וקיימים.

מען איז ממליך דעם אויבערשטן עד 'מיצוי הדם ממש', מיט מסירת נפש ממש; אויף די זאך מוז מען האבן מסירות נפש, ווייל דער יצר הרע קומט ווען דאס הארץ איז פארשטאפט און עס איז נישטא קיין חיות און מען איז נאר פול מיט עצבות! – דעמאלט דעמאלט **דין דעם אויבערשטן אָן קיין 'פארוואס'! דא דא, דא איז דער גרעסטער מלכות, דער גרעסטער תיקון!**

(דברות קודש בימי הספירה יסוד שביסוד שנת תשנ"ח לפ"ק))